# איר זענט מיט אים ווייניק באַקאַנט

(פונעם ציקל ״דער מענטש און דער וואַלד״)

מיט אייך איז דער ווייטער וואַלד ווייניק באַקאַנט.
נאָר אַמאָל נאָך זומערדיק זינגענדן זון-אונטערגאַנג
טרעפט, איר געפינט אים ווען איר ליגט ביי דער וואַנט
מידע פון ברויט-זוך, די ענגשאַפּט און פון געשטאַנק.

אין פאָדער-הויז שטויב נעבן קעץ און צעשיידיקטע טרעפּ
וואַרפט איר אַ קישן, דרימלט איין און איר זעט אים.
ער נייגט זיך צו אייך, מיט בוימערשע קעפּ,
ער שמייכלט מיט וואַרעמען ווינט און איר גלעט אים.

ער איז אַזוי גרויס און איר זענט אַזוי קליין.
נאָר אַ בוים וואַקסט הויך, הימל און ערד פאַרפלעכט ער צוזאַם.
זיין זשיוויצע גיסט פעט זיך דורך אייער הויט און ביין,
אייער איידעלע ליבשאַפט מאַכט שלאַנקער זיין שטאַם.

איר גלעט אַזוי באַהאַרצט אים, אַז עס כאַפּן זיך אויף
אַלע פויגל און פאַלן אויף זיין האַלדז מיט געזאַנג.
ביי די טרעפּ שפּרינגט די קאַץ אויף אייער בוזעם אַרויף;
איר עפנט דאָס אויג און דערשפּירט ענגשאַפט, היץ און געשטאַנק.

איצט זענט איר צעשיידט. און איבער דעם איינזאַמען וואַלד
שטייט די לבנה אַ בלאַסע ווי דאָס געזיכט פון אַ מאַמען
וואָס זוכט די אָרעמע קינדער און איז פון זוכן שוין אַלט.
דערפון נעמט זיך דער ווייטיק וואָס מאַכט שוידערן די שטאַמען.

------------------------------------------------- -------

*פאָלקסצייטונג 7.ז*, 29.7.1938